STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03475

OYB IKH VEL ES DIR FARGESN, ENGLAND

Hayim Lieberman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויב איך וועל עס דיר
פאַרגעסן, ענגלאַנד

פון

חיים ליבערמאַן

ח׳ סיון, תרצ״ט

ניו יאָרק

Copyright, 1939,
by
HERMAN LIEBERMAN
NEW YORK
450

א.

עס האָט אונז ענגלאַנד אַ קלאָר־ווייס ברייוועלע געשיקט: פאַרשטעלט די שאַנד־הייזער געגן דער טומאה! דעקט־צו די מיסטקאַסטנס זיי זאָלן ניט אומריין ווערן! פון נאַרנשטוב נומער צען האָט אַ נאַר אַריינגעוואָרפן אַ שטיין אין גאָט׳ס גאָרטן.

אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!

ווער קען צעשיידן וואָס גאָט האָט פאַרקנס׳ט, ווען גאָט האָט פאַרקניפּט ווער וועט פאַנאַנדערבינדן? אונזער זיווג מיט אונזער לאַנד איז דער זיווג פון גרין מיט גראָז, פון נאַכט מיט שטערן, פון וואַסער מיט רעגן. אויב זי איז אַ רויז זיינען מיר איר דופט, אויב זי איז אַ בוים זיינען מיר אירע וואָרצלען. צי וועט אַ שווערד פאַנאַנדערשניידן ליכטיקייט און טאָג?

ווי עס בענקט דער ברעג נאָכן אויסגעטריקנטן טייך אַזוי בענקט אונזער לאַנד נאָך אונז. ווי עס ציט דאָס וואַסער צום נידעריגסטן אָרט אַזוי ציט אונזער האַרץ צו דיר, אונזער לאַנד. ווער וועט אונז אויף צוויי צערייסן? גיכער וועלן זיי אַרויסרייסן אַ סוד פון דעם טויט ווי זיי וועלן אַרויסרייסן דיך פון אונזער לעבן.

אָ, לאַנד, מיין לאַנד! ערד וואָס נביא האָט געטראָטן, לופט וואָס גאָט האָט דורך אונזער נאָז געאָטעמט! בעסער צו זיין אַ זעמדעלע אין דיר ווי קעניג אין ענגלאַנד!

אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!

ב.

זע, נאָט, וואָס פון זיי איז געוואָרן: ווי לייז עסן זיי אונזער גוף! אָ, ווי אין ווינד! ווען די זון שיינט אין בלאָטע קריכן ווערים אום אויף איר...

פיר און צוואַנציג מעת-לעת אין שעה ציט זיך אונזער פּיין. מיר לעבן קוים פון פּולם צו פּולם. אונזער וואונדיגן טאָג האָבן זיי אויסגע־טונקט אין זענעפט, די אויגן פון אונזער נאַכט מיט פּעפּער פאַרשאָטן. גלידערווייז וואַלגערן מיר זיך אויף אַלע אָפענע שליאַכן. אונזערע טויטע טויטן זיי נאָכאַמאָל.

עס זאָל קיין אידישער פוסטריט אויף דער ערד מער ניט שטערן דעם שלאָף פון זייער געוויסן!

נאָר זע אַ וואונדער: אויף אַ רוף מען וויים ניט פון וועמען, אויף אַ באַפעל מען וויים ניט פון וואַנען, האָבן צעריסענע גלידער זיך גענומען רירן. זיך גענומען רירן און אין וועג אַריין! קעפּ אָן גופים, גופים אָן פּיס, הענט באַזונדער און פינגער באַזונדער, צינגער פון די מיילער אויס־געפליקטע, אויגן פון די לעבער אויסגעריסענע, ציינער אויסגעשלאָגענע, ביינער אויף צען צע־בראָכן, הערצער מיט די מעסערם נאָך דער־שטאָכן, גייען, ציען, ציען, גייען, אַ לאַנגע און פירכטליכע מחנה.

פון מזרח און מערב זיינען זיי געגאַנגען, פון צפון און פון דרום, קיין היץ האָט זיי ניט אָפּגע־שטעלט, קיין קעלט האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטן.

ווער האָט אַמאָל אַזאַ פּראַצעסיע געזען, ווער פון אַ חיל אַזאַ געהערט? אויף טויזנט ווענן זיינען זיי געגאַנגען, און וואוהין דאָס ציען? קיין ציון.

און זע אַ נייעם וואונדער. אין עמק יזרעאל איז דאָס געווען און אויפֿן הר־הצופים איז דאָס געשען: צעריסענע גלידער האָבן זיך צעטאַנצט, אין אַ האָראַ זיך צעטאַנצט! קעפּ אָן פיס שפּרינגען פריילאַך, האַרץ אויף מעסער הויבט זיך לוסטיג, אויפגעשניטענע בייכער קאַטשן זיך פאַר געלעכטער, צינגער קושן ערד, ציינער ברעכן שטיינער, פינגער שפּאַלטן פעלזן, און אַ שמחה, אַ גדולה, ווער האָט אַזאַ פרייד געהערט, אַזאַ חתונה געזען? און אין יובל און געשאַל האָט גליד זיך באַהעפט אין גליד, ביין אין ביין זיך איינגעזעצט, די פינגער צו די הענט, די צינגער אין די מיילער, און די הענט צו אַקעראייזנס און די מיילער צו הייליגער תורה, און ס׳איז אַרויס אַ נייער מענש: אָדם האחרון איז אויפגעגאַנגען!

ניט געווען נאָך אַזאַ מענש: דער גוף פון מכבי, דאָס פּנים פון רבי.

געבענטשטער אידישער גוף! אָן גלוסט צו גזלנ׳ען, אָן תאווה צו הרג׳ענען. מיט תשוקה צו געבן מער ווי צו נעמען. אָן שנאה, אָן טומאָה, אָן הערשערישקייט און אָן אונטערטעניקייט.

און דאָס רבי־פּנים — אַ וואונדערליך אידיש פּנים! די אויגן — צוויי זומערדיקע שטורעמס, דער שטערן — אַ בלאַט באַשריבן מיט דער געשיכטע פון גאָט, באַקן צוויי — צוויי לוחות, די נאָז געטאָקט פון חכמה און פון פיין, די מויל

אַ קדשי קדשים, און די באָרד, די באַ׳חוזק׳טע, די באַשפּיַנענע, די אויסגעפּליקטע, ווען די האַנט, מיט זונליכט פון די פינגער, גלעט זי אין פאַר־טראַכטער תורה־שעה און ציט אַרויס אַ מיד געוואָרענע האָר — אָ, בעסער ווי זיין איך, ווי וואָלט איך וועלן זיין זי, ווען דו ברענגסט זי צו קבורה אין אַ כשר׳ן אידישן ספר!

און ווען זיי האָבן אויגן און זעען ניט די שיינקייט — וואָס דערפון? שווימט אַ פישעלע אַרום אין פינסטערער טיפעניש אויפן גרונט פון ים, פון וועמעסווענן איז זי דאָרטן שיין?
דאָך נאָר פאַר דיר, גאָט, אַליין.

ג.

פלוצלינג, פון אַ נעפּל, האָט זיך אַרויסגע־שטעקט אַ האַנט, אַן אַלטע, אַ קאַלטע, אַ ביינערדיגע האַנט. און די האַנט האָט געהאַלטן אַ ווייסן פּאַפּיר. און אויפן פּאַפּיר איז געשטאַנען אַ ווייסטער כשוף־שפּרוך די גלידער צוריק צו צערייסן. אַ שפּרוך פון שקר און פון טויט. אין טויזנט לשונות שקר, אין טויזנט לשונות טויט.

איז פון זונענלאַנד אַרויס אַ האַנט פון ליכט אַנטקעגן דער אַלטער, דער קאַלטער, דער ביינערדיגער האַנט אין נעפּל און האָט גענומען דאָס פּאַפּיר. ס׳איז געווען די האַנט פון רבי. און רבי האָט צונעליינט דאָס פּאַפּיר צו די ווער־טער פון ישעיה און אַ פייער איז אַרויס פון די ווערטער פון ישעיה און דאָס פּאַפּיר פאַרברענט.

פאַרברענט דעם שקר, פאַרברענט דעם טויט.
אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!

פיר טויזנט יאָר זיינען מיר שוין אַלט און לעבצן ערשט געבוירן צו ווערן. און מיט׳ן געבורט-געשריי נאָך אין אונזער האַלז וויל זי אונז דערשטיקן, אַן אַלטע, אַ קאַלטע, אַ ביינער-דיגע האַנט.

אָ, פאַררעטערישער פירער פון אַ פאַררע-טערישן דור! ביטער איז אַ רשעות׳דיגער פיינט, ביטערער פון אים אַ פאַררעטערישער פריינט. זי האָט אונז צוגעזאָגט אַן אָנלען און אונז אַריינ-געיאָגט אַ שפּיז, אַ געלעגער און אויסגעבעט אַ שלאַנגען-גרוב.

ווי האָבן מיר עס ניט געוואוסט, אַז ווען האָט די שעפּס געקראָגן אויסגאָב פון דעם וואָלף?

אויב איך וועל עס דיר פאַרגעסן, ענגלאַנד!

ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ מענש אונז צו פאַר-לענדן. דער הוסט אין דער שווינדזיכטיגער ברוסט פון איראָפּע איז ער. שלאַנגען-ניפט זיין בלוט, זיין גוף אַ שאַנדהויז, זיין נשמה אַ יאַטקע.

און ער האָט אַן אויסטערלישע סעודה צו-געגרייט פאַר די פעלקער. קומט! לאָמיר עסן, טרינקען און פריילאַך זיין! פירוואַר, אויסטער-ליש איז די סעודה. טיש און בענק פון אידישע ביינער אויפגעשלאָגן. געבראָטן אידיש האַרץ די פלייש-פּאַטראָווע. אידיש בלוט פאַר רויטן וויין, אידישע שאַרבנס די בעכער. און נאָכ׳ן עסן, צום פאַרגעניגטן שמועס, ציגאַרעטן, ציגאַ-רעטן געוויקלט אין אידישער הויט.

אַ נייער „לעצטער מאָלצייט" פון גאָט'ס שמערצנס־קינד!

און פאָלק נאָך פאָלק איז געקומען זיך באַ־לעקן. איז אויך געקומען דאָס יודאָס־פאָלק. מיט אומהיילינג קוש אויף די ליפּן האָט ער זיך שטיל אַריינגעשלייכט און זיך געזעצט צום מאָלצייט. און ס'זאָל קיין פלעק אויף אים ניט פאַלן האָט ער זיין געמבע אונטערגעשפּרייט מיט אַ ווייסער סאַלפעט פון ווייסן פּאַפּיר.

אָ, ווי דיר, ענגלאַנד, וואָס האָסט פאַרשפּילט דיין כבוד מיט אַ פּראָסטן, בלעכענעם, פאַר־זשאַווערטן סאָלדאַט!

שכור'ט, שכור'ט מיט אידיש בלוט, זויפט ביזן העלן פרימאָרגן!

עס וועט אייך קלעקן אידיש בלוט. מיר וועלן קומען און קומען, ווי די כוואַליעס פון ים וועלן מיר קומען, ווי די כוואַליעס פון ים וואָס קומען צום ברעג און שטאַרבן נאָר הערן ניט אויף צו קומען, ביז זיי עסן־אויף די פעלזן.

ד.

וואָס נאָך האָבן מיר געדאַרפט טאָן און האָבן ניט געטאָן עס זאָל דאָס אומרעכט אונז ניט געשען? מיר האָבן זיי גאָט'ס וואָרט געטראָגן. באַשפּרינקלט די ערד מיט שטערן אונטער זייערע פיס. געדאַנקען ווי דעמבעס — וועלדער גאַנצע אָנגעפלאַנצט. לייב און שלאַנג, ווען זיי

קענען נאָר אונזערע רייד פאַרשטיין, וואָלטן אויך שוין איידעלער און בעסער געוואָרן.

נאָר ניט זיי. פאַר אונזערע אָנגעלאָדענע שיפן האָט זייער האַרץ קיין האָפן נישט. ווי פון שטיינער די כוואַליעס אַזוי שלאָגן אונזערע געדאַנקען פון זייערע קעפּ צוריק. די פינגער טוען אונז שוין ווי צו שייערן דעם זשאַווער פון זייערע נשמות; און ווי ליב און שלאַנג זיינען זיי געבליבן.

נאָר אויב די נאָדל פון אונזער קרעכץ האָט ניט איינגעשטאָכן זייער האַרץ וועלן מיר מיט די נעגל פון צאָרניגער גערעכטיקייט צעפּליקן זייער רשעות!

ווען איז גערעכטער צאָרן גערעכטער גע-ווען? זיי קומען איינגעמען לענדער ווי היישע-ריקן, מיר קומען איינגעמען אונזער לאַנד ווי דער פרילינג קומט איינגעמען אַ פעלד. זיי ברענגען שווערד און קויל, מיר דעם זומער וואָס אונטער די רויטע באַקן פון עפּל. זיי פאָרן אויפ׳ן בלייכן פערד פון טויט, מיר אויף די זאַנפטע פליגל פון היילינגן גייסט. פרענט יעדן גרעזל אין ציון און זאָל די קנאָספּע עדות זאָגן.

איז געקומען ענגלאַנד מיט אַ קאַנאָן צו פאַר-שטעלן דעם וועג צום לאַנד פון אונזער אייביג לעבן, מיט אַ שווערד איבערצוהאַקן די אייביגע פאָדים פון אונזער זיין, מיט אַ לופט-באָמבע אויסצובלאָזן דעם זין פון אונזער קיום.

צו מתן-תורה האָט ענגלאַנד איר מתנה אונז געבראַכט. ווייסער פאַפּיר קעגן תורה! פאַרלאָ-

מענטש געגן סיני! וואָס דער סיני האָט מיט פייער איינגעברענט וויל זי מיט טינט פאַרשמירן. אויף דער חתימה פון גאָט אַרויפלייגן די חתימה פון ענגלאַנד!

צו וועמען זאָלן מיר שרייען, אַז ס'איז ניטאָ קיין מענטש מער אויף דער וועלט? רופן מיר צו אייך, חיות פון די וועלדער, פויגל פון די הימלען, שלאַנגען פון די לעכער: קומט, משפט איר צווישן אונז און זיי! מיר שפּרייטן אויס פאַר אייך זייער תורה און אונזער תורה: קוקט אַריין, פאַרטיפט זיך, דערגרונטעוועט! זאָגט: ווי זאָלן מיר פון ציון זיך אָפּזאָגן, אַז תורה איז זי, נביאים איז זי, גמרא איז זי, קבלה און תפילה איז זי, חלום און וואָר איז זי און מיר און גאָט זיינען אויך נאָר זי? אַז סידור און מחזור ווערן בטל צי זאָלן מיר דאַוונען פון וויסן פּאַפּיר?

האָבן די חיות זיך אַריינגעטראַכט און גע'משפט. זאָגט דער אָדלער: מיינע נעגל זיינען פריינדליכער פון ענגלאַנד'ס פריינדשאַפט, נעם דיר מיינע נעגל פאַר נקמה! זאָגט די שלאַנג: מיין גיפט איז זיסער ווי דער האָניג פון ענגלאַנד'ס ווערטער, נעם מיין גיפט פאַר דיר פאַר שנאה! זאָגט דער הירש: מיינע הערנער זיינען גראַדער ווי ענגלאַנד'ס ערליכקייט, נעם דיר מיינע הערנער און שלאָג דעם פיינט! וועלן מיר נעמען פון דעם פוקס זיין פוקסיגקייט, פון דעם ביבער זיין פלייסיגקייט, פון דעם קעמל זיין געדולדיגקייט און וועלן איבערקלינגען אונזער פיינט און געדולדיג זיין ווי די צייט און בויען. און פון דעם לייב וועלן מיר נעמען זיין ברומען און

וועלן אויפהילכן אַלע רוימען, אז עס דונערט נאָך דער סיני און עס פלאַקערט נאָך דער חורב: ביז חרוב ווערן וועט גאָר דאָס בייז און דאָס בייזע ענגלאַנד.

ה.

ענגלאַנד האָט זיך גענומען אַ שטריק און האָט זיך גערופן גזלנים פון וואַלד און האָט גע־זאָגט: לאָמיר הענגען גאָט'ס פאָלק: און זי האָט געטראַכט אין איר האַרצן: אַ שטריק פון אַ געהאנגענעם איז אַ סגולה, איך וועל אַרומ־בינדן מיט איר מיין קעניגרייך פון צעפאַלן.

אָבער אַזוי איז געווען גאָט'ס וואָרט אויפ'ן סיני: דיין שטריק איז צעפוילט ווייל זי איז פון אומרעכט געפלאָכטן און זי וועט צעקריכן אויפ'ן האַלז פון מיין פאָלק. און דיין קעניגרייך וועט זי ניט איינבינדן, נאָר צעפאַלן וועט דיין קעניג־רייך ווי אַ צעטריקענטע פאַס ווערט צעשאָטן, וואָרום ניט קיין וויין האָסטו אין איר געהאַלטן נאָר פעלקער־בלוט האָסטו אין איר געזאַמלט און זי איז צעפרעסן געוואָרן פון געזאַלצענעם בלוט.

גיי און לערן פון דער אָרימער האָר, אָרימע ענגלאַנד. ווען די שוואַכסטע האָר אין קאָפּ וויל אַרויספאַלן וועט די שטאַרקסטע אַרמיי זי דען איינהאַלטן? וואָס וועט דיר נוצן דיין שטאַרק־סטע מאַכט אין טאָג פון דין: וואָרום עס איז שענדליך צו זיין אַזוי מעכטיג.

דיינע בעסטע קינדער שעמען זיך דיין שאַנד און שרייען אין דיינע אויערן דעם געשריי פון דיין אומגליק. נאָר דו, ניט דו הערסט, ניט דו זעסט, און ווילסט ניט פאַרקרימען דיין קרומען וועג, פאַרקרימען דיין גאַנג צו די תהומ'ן.

עס האָט דיר גאָט אַ שליחות פאַרטרויט, אויפצוריכטן זיין פאָלק, אַ ברכה דער וועלט, אַ הייליגער זכר נאָך דיר. נאָר דו האָסט גע־פעלשט אין גאָט און זיין שליחות. און גאָט האָט אַראָפּגענומען זיין זכר פון דיר. ווער וועט איצט דיין נאָמען צום גוטן דערמאָנען?

אַ נייעם פּרעה האָט אונז ענגלאַנד געגעבן. ווי פּרעה אַמאָל וויל דער פּרעה פון היינט אונז ניט לאָזן אַרויסגיין פון קנעכטשאַפט. ווי פּרעה אַמאָל זאָגט דער פּרעה פון היינט: פּן ירבו! ווי פּרעה אַמאָל האָט געהייסן וואַרפן אונזערע קינדער אין וואַסער אַריין, אַזוי הייסט דער פּרעה פון היינט טרייבן אונזערע פּליטים אין וואַסער אַריין. נאָר ערגער ווי דער פּרעה פון אַמאָל איז דער פּרעה פון היינט. יענער האָט אונז געוואָלט פאַר אייביגע קנעכט אין פרעמדן לאַנד, ער וויל אונז אויף אייביג פאַרקנעכטן אין אונזער אייגן לאַנד.

אָבער חוזק איז דיין ראַט, אַ געלעכטער איז דיין עצה. זעקס הונדערט טויזנט זיינען מיר אַהער אַריין פון מצרים, זעקס הונדערט טויזנט זיינען מיר שוין דאָ! דאָס פאָלק ישראל איז שוין ווידער אין לאַנד ישראל! די דריטע אידישע תקופה פון דער וועלט האָט זיך שוין אָנגעהויבן, און ווער וועט אָפּשטעלן די וועלט?

דריי מאָל גרויזאַם און דריי מאָל חוזק איז דיין צוויי צו איינס, פּרעה פון ענגלאַנד. מיינע וואָגלער, מיט די לעבנס אין די הענט, מיט נשמות אויף דער האָר, יאָגנסטו פון מיינע ברעגן. מיט שווערד און ביקס יאָגנסטו זיי. נאָר צווישן שווערד און איר האַנט וועלן זיי דורכגיין, צווישן ביקס און איר פייער דורכשלייכן; דער טויט וועט מיט ערפורכט זיי אָפּטרעטן די וועגן קיין ציון. איבער חורבות וועלן זיי קריכן, איבער בערג וועלן זיי קלעטערן. מלאכים וועלן פון הימל לייטערס נידערן פאַר זיי. ווייל עס רופט זיי אַ גוואַלדיגער חלום.

נאָר אויב זי וועט דאָס גאַנצע לאַנד באַדעקן ווי אַ יאָזש מיט שפּיזן, און עס וועט קיין לייטער פון הימל ניט קענען זיך שטעלן סיידן נאָר אויף שפּיזן, וועלן מיר אַן אַנדער ראַט זיך ראַטן. זי האָט געזאָגט פּון ירבו, ענטפערן מיר: כן ירבו, און מיר וועלן גוזר זיין אויף אַלע טעכטער אין ציון — פּרו ורבו, מערט און פרוכפּערט, און אויף גאָט וועלן מיר גוזר זיין צו בענשן זייער טראַכט, און אויף די פויגל וואָס האָבן געטראָגן שפּייז צו אליהו הנביא וועלן מיר גוזר זיין: טראָגט שפּייז מכל תפוצות ישראל פון די קליינע קינדערס וועגן אין ציון; און עס וועלן וואַקסן קינדער, קינדער אין די וויגן, קינדער אויף די בייטן, קינדער אויף די בוימער, קינדער, קינדער אומע-טום, און קיין אָרט אַ שפּיז צו שטעלן; ביז זיי וועלן אָנפילן דאָס לאַנד און ווערן צו אַ גרויס פאָלק.

וואָס איז איר שפּיז, וואָס איז איר שווערד, וואָס איז איר גאַנצע מאַכט געגן אונזער קיום? אַ פלעמל איז שטאַרקער ווי די נאַכט און אַ פונק לעכערט דורך איר האַרץ. עס ווייס דער ווינט דעם כח פון דעם דעמב און זיי ווייסן ניט דעם סוד פון אונזער זיין. למה רגשו גוים? איבן איבערן גרעסטן שטורם רוט די רו, און דאָרטן באַוועגט זיך אונזער גייסט. און וואָס איז אונטן אין דער טיף? עס קען אונזער האַרץ אונטער נויט די האָפנונג פון דעם קערנדל אונטערן שניי. מעגן זיי פאַרכאַפן אַלע זונען, די אונטערשטע זייט פון דעם בלאַט לעבט אויך און געדייט. ניט געווען נאָך אַזעלכע קריגער ווי מיר! מיר פאַרלירן אַלע שלאַכטן און געווינען יעדן קריג.

און דאָס וועט זיין דער לעצטער און אַנטשיידנדיגער קריג! קום קעלט, קום היץ, קום שטורמווינט און דונער! בלויז ווען ס'איז דאָ פאַרוואָס צו שטאַרבן איז דאָ פאַר וואָס צו לעבן!

מיר קומען געשיצט מיט גרויסן גייסט און וואָס איז אַן אימפּעריע קעגן אונז? נאָר דו, ענגלאַנד, וואָס ווייסט ניט פון קיין אַנדער גרויסקייט ווי אויפן חשבון פון אַנדערע, וואָס איז דיין שוץ?

מיר ווייסן ווי אַזוי אימפּעריעס פאַלן. עס קומט גאָט'ס באַפעל אין יחזקאל'ס מויל צו די ביינער אויף וועלכע אייערע מלוכות שטייען, און עס רודערן זיך די ביינער אויף, און עס ברעכן די פונדאַמענטן און עס קראַכן ווענט און דאַך אַ גרויסן רעש. און ווען עס קומט צוריק די שטילקייט זייט איר שוין ניטאָ.

אויך פאַר דיר, אָ, ענגלאַנד, איז יענע פייער־שריפט אויף יענער וואַנט. ווייל דו שעמסט זיך ניט קיין שאַנד, אפילו ניט די גרעסטע שאַנד — זיך שעמען פאַר'ן אייגענעם קרבן.

דו האָסט ניט געגינט מיין פאָלק זיין הויפן ערד פון דיין גאַנצן גרויסן רונדן ערדקויל. שווער איך דיר: עס וועט דיין ערדקויל איינגעשרומפּען ווערן פאַר קינדער אַ פּילקע זיך צו שפּילן! דו האָסט דיין שווערד צעפּאָכט אויסצולעשן דאָס ליכט פון מיין פאָלק. וועט אויפשטיין אַ ווינט פון אַלע פיר זייטן און וועט דיך צעטראָגן אין אַלע פיר זייטן, און עס וועט דיין מאַכט זיך אויס־לעשן אין ים ווי אַ שוועבעלע אין ים. שטום וועלן ווערן דיינע טומעלדיגע שטעט, בערד פון שפּינ־וועבס וועלן באַוואַקסן דיינע גאַסן, ווייל צעפּו־דערט ווערן וועט דיין געביין אין אַלע עקן וועלט ווי מיין איז.

אין יענע טעג וועלן אידישע קינדער זיך שפּילן אויף די ברעגן פון תל אביב, פון יפו און פון חיפה, און די כוואַליעס וועלן ברענגען שטיק־לאַך זעגל, שפּענער, ברעטער, מאַסטן גאַנצע. און קינדער וועלן קלייבן און זיך חידושין און פרעגן: וואָס איז דאָס? און מיר וועלן זיי זאָגן: דאָס איז געווען די מאַכט פון ענגלאַנד. און אין קאַלטע נעכט וועלן מיר פון דיינע צעשפּענערטע זייטן, ענגלאַנד, פייערן אויף אונזערע סקווערן צעליינגן און ביי זייער ליכט די היילינגע שריפטן לייענען, אַן אָנזאָג צו רשעים, אַ התראה צו טיראַנען, אַ וואָרנונג צו אימפּעריעס!

און אַ לעצטן חסד וועלן מיר טאָן מיט ענג־לאַנד: מיר וועלן איר שענקען אַ מקונן, זי צו באַוויינען.

דאָס וועט זיין אונזער לעצטער און אַנט־שיידנדיגער קריג!

אַ סך שאַטנדיגע מיילן וואַרטן אויף אונז און אַ משא פון שווערע טעג.

מיר נעמען אָן דעם וועג און די לאַסט.
גאָט, וואַך איבער אונזער חלום.